

# תורת אביגדור

פאר קינדער

באארבעט פון די שיעורים
פון הרה"ג ר' אביגדור מיללער ז"ל

## פרשת שמות

# דו ביסט אן איינציג קינד

פרנס השבוע

לכבוד בני החשובים והיקרים
כמר **אהרן יודא** און **אלי-הו שלעזינגער** ני"ו
מיט ליבשאפט,
פון אייער טאטע

## פרשת שמות

# דו ביסט אן איינציג קינד

שמואלי, מושי, רבקה'לע און לאה'לע, זענען א פירלינג. נאר צו קוקן אויף זיי ברענגט ארויס א שמייכל. הערט און ליינט צו וואס זיי טויגן...

"נאכטמאלי!" האט די מאמע אויסגערופן, בשעת זי בינד אריין די פירלינג אין זייער היי-טשער. זי האט געמאכט זיכער אז מושי'ס בענדל איז גענוג שטארק באפעסטיגט, אז דאס מאל זאל ער נישט קענען ארויסקריכן פון זיין בענקעלע. דערנאך האט זי האט געברענגט די שיסלעך צום קאך טיש און געגעבן פאר יעדע פון די בעיביס זייער טעלער פלייש באליס מיט לאקשן, און צעקוועטשטע קארטאפל. רבקה'לע האט גלייך איבערגעדרייט איר טעלער אויפן קאפ און אנגעהויבן צו עסן פון די לאקשן וואס איז אראפגערינען גלייך אין איר מויל אריין...

פון דעם אנדערן זייט הויז, האט די מאמע געהערט א קראך און א קוויטש.

'אוי, ווער האט זיך איבערגעקערט דארט?' האט די מאמע זיך געזארגט.

"עזרא, איז אלעס אין ארדענונג מיט דיר?" האט די מאמע אויסגערופן, ווען שמואלי האט אנגעפילט שטיקלעך קארטאפל אויף זיין לעפל, און עס געשפריצט איבערן גאנצן צימער.

לאה'לע, וואס וויל אלעמאל זיין א חלק פון די איבערקערעניש, האט אנגעהויבן צו מאכן יללות, בשעת זי שארט אריין א פולע האנט מיט לאקשן אין איר מויל.

אין יענע מינוט איז איידי אריינגעקומען אין קאך מיט איר היימארבעט. "מאמי," האט זי גערופן צו איר מאמע, אכטונג געבנדיג אז זי זאל נישט אריינטרעטן און איינע פון די גליטשיגע שטיקלעך אויף דער ערד. אויסער דעם האט זי בכלל נישט באמערקט די איבערקערעניש וואס טוט זיך ארום איר. "איך מוווז ענדיגן מיין היימארבעט נאך פאר נאכטמאל און איך פארשטיי נישט וואס דא שטייט. מאמי, אפשר קענסטו מיר העלפן?"

די מאמע האט אריינגעבליקט אין איידי'ס היימארבעט, ווען עזרא האט אריינגעהינקעט אין קאך מיט צעריסענע הויזן. "מאמי," האט ער געוויינט, "איך בין אראפגעפאלן און מיין קני בלוט. מען דארף רופן הצלה!!! מען דארף אריינפארן אין שפיטאל, איך דארף האבן סטיטשעס און ווער ווייסט אויב מען וועט נישט דארפן מאכן אן אפעראציע?!"

דערשראקן, האט די מאמע באטראכט די קליינע וואונד אויף עזרא'ס קני, און שנעל האט זי זיך צוריקגעקערט צו כאפן מושי, וועלכער האט זיך ארויסגעריסן פון זיין בענדל און געהאלטן אינמיטן אראפטאנצן פון דער רוקן פון זיין בענקעלע.

"מאמי," האט איידי געקוועטשט, "ס'איז מיר שוועער! ביטע, ביטע, אפשר קענסטו מיר העלפן צו ענטפערן מיין פרשה פראגן?"

אין דער זעלבער צייט האט לאה'לע געשמירט טאמאטע זאפט איבער אירע קניען אז עס זאל זיין די זעלבע קאליר ווי עזרא. שמואלי, וועלכער איז שוין יעצט געשטאנען איבער זיין

בענקעלע, האט מצליח געווען צוווארפן א באלי פון קארטאפל צום אנדערן עק קאך. רבקה'לע איז געשטאנען און צוגעקוקט צו דעם אלעם, ווען זי נעמט אראפ א שטיקל קארטאפל פון איר האר און נעמט דאס אריין אין מויל.

ברוך השם, פונקט דאן איז דער טאטע אריינגעקומען אין הויז - א ישועה פאר כלל ישראל... ער האט אוועקגענומען די קארטאפל פון שמואלי - יעצט וועט ער מער נישט קענען ווארפן 'באמבעס', געגעבן א פלעשל פאר לאה'לע אז זי זאל אויפהערן צו וויינען, און באפעסטיגט מושי'ס בענדל צום בענקעלע. אזוי האט די מאמע געקענט לייגן א באנדאדזש אויף עזרא'ס וואונד.

דער טאטע האט גענומען א שמאטע און אויפגעווישט די טאמאטע זאפט פון דער ערד און בשעת מעשה געהאלפען איידי מיט איר היימארבעט.



א האלבע שעה שפעטער זענען שוין די בעיביס געווען אין בעט. אין הויז האט זיך אראפגעלאזט א שטילקייט. די משפחה האט זיך אוועקגעזעצט צו עסן נאכטמאל רואיגערהייט.

"עזרא," ווי אזוי פילסטו זיך?" האט די מאמע געפרעגט.

"אסאך בעסער. מאמי, זיי מיר מוחל פארן זיין אזוי היסטעריש. אסאך מאל איז מיר שווער צו זיין אין אזא גרויסע משפחה. הלוואי וואלט איך געווען אן איינציגסטער קינד, איך וואלט באקומען אזויפיל אויפמערקזאמקייט."

"אבער דו ביסט אן איינציג קינד," האט דער טאטע געענטפערט.

"וואסס?! דו מיינסט צו זאגן אז איידי, רבקה'לע, לאה'לע, שמואלי און משי, זענען אלע אדאפטירטע קינדער?"

"ניין, האב נישט מורא," האט דער טאטע פארזיכערט די קינדער. יעדער פון ענק זענען אונזערע קינדער. אבער ענק זענען אויך דאס איינציגסטע קינד פון השי"ת.

"ווי קען דאס זיין?" דער אויבערשטער האט דאך ביליאנען און טריליאנען קינדער," איז שוין עזרא צעמישט.

"ריכטיג, אבער קום לאמיר אריינקוקן וואס משה רבינו זאגט אין די וואכעדיגע סדרה. ער זאגט, ' בני בכורי ישראל' - מיין איינציגסטער, ערשט געבוירענער, איז בני ישראל. דאס מיינט אז יעדע איינציגסטער איד ווערט פאררעכנט ווי דער בכור און איינציגסטער קינד פון השי"ת! פון דא קען מען זיך ארויסלערנען אז עלטערן קענען ליב האבן יעדעס קינד ווי אן איינציג קינד.

צומאל, עזרא, קען זיך דיר דאכטן אז דו באקומסט נישט גענוג אויפמערקזאמקייט פון מאמי אדער מיר, אבער מיר האבן דיך נאכאלץ ליב ווי אן איינציג קינד. זאלסט וויסן, אז דו דארפסט נישט אז מיר זאלן זיך אפגעבן מיט דיר יעדעס איינציגסטע סעקונדע פון טאג, ווייל השי"ת קען דיר געבן אויפמערקזאמקייט אן קיין גרעניץ. ער געבט זיך אפ מיט יעדן איינציגסטן פון אונז, יעדע מינוט פון טאג, מיט אזויפיל ליבשאפט און געטריישאפט.

און נישט נאר דאס, נאר כלל ישראל, אלס א פאראייניגטע פאלק, ווערט פאררעכנט ווי השי"ת'ס איינציגטסער קינד. דאס מיינט אז מיר אלס אידן, זענען די אויסדערוועלסטע מענטשן פון דער וועלט. אזוי ווי מאמי און איך געבן זיך אפ מיט ענק, מער ווי מיט אנדערע מענטשן, אזוי אויך דער אויבערשטער קימערט זיך איבער אונז אידן, מער ווי מיט אנדערע מענטשן פון דער וועלט."

עזרא און איידל האבן זיך ברייט צושמייכל. "יישר כח טאטי און מאמי," פארן אונז ערציען אלס ערליכע אידן און אריינלייגן א שמחה אין אונז אז מיר זענען קינדער פון השי"ת.

**הערט די מעשה פארציילט דורך דער בארימטער מחנך**
**הרה"ג ר' משה בערגמאן שליט"א**
**קול אביגדור 718-289-0899, דרוקט 2 און דערנאך 3#**


כל הזכיות שמורות